תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א | בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל | בני ברק

בס"ד

# אַ מַעֲשֶׂה צוּ לֵיינֶען

# דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַבִּי עֲקִיבָא

# דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַבִּי עֲקִיבָא

אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואס הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ גָאלְד אוּן זִילְבֶּער שְׁטוּבֶּער כֶּעלְדֶער אוּן וַויין-גֶערְטֶענֶער, זַיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען "כַּלְבָּא שָׂבוּעַ", מְ'הָאט אִיהְם אַזוֹי גֶערוּפְן וַוייל וֶוער עֶס אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם אִין שְׁטוּבּ הוּנְגֶערִיג וִוי אַ הוּנְט אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין שְׁטוּב זַאט.

כַּלְבָּא שָׂבוּעַ הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער מִיטְן נָאמֶען רָחֵל, זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ עֶרְלִיכֶע אוּן זִי הָאט גֶעהַאט אַ גוּט הַארְץ מִיט זֵייעֶר פֵיינֶע מִידוֹת שְׁטֶענְדִיג הָאט זִי גֶעטוּהְן אַלֶעס וָואס אִיהְרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעהֵייסְן אוּן זִי הָאט אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן אוֹיפְצוּנֶעמֶען דִי אָרִימֶעלֵייט בֵּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ.

דֶער כַּלְבָּא שָׂבוּעַ הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַ פַּאסְטֶעכֶער מִיטְן נָאמֶען עֲקִיבָא, עֲקִיבָא הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גָארְנִישְׁט נִישְׁט לֵיינֶען אוּן נִישְׁט שְׁרֵייבְּן אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קֵיין לֶערְנֶען אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פֵיינֶער אוּן אַ אֵיידֶעלֶער מִיט גוּטֶע מִידוֹת, טָאג טֶעגְלִיךְ אִיז עֲקִיבָא אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי שָׁאף פַּאשֶׁען אִין כֶּעלְד אוּן בֵּיינַאכְט אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם שְׁטַאל.

וֶוען רָחֵל אִיז גֶעוָוארְן גְרוֹיס אוּן זִי הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט וֶוערְן אַ כַּלָה, הָאט אִיהְר טַאטֶע גֶעוָואלְט אִיהְר חֲתוּנֶה מַאכְן מִיט אַ בָּחוּר אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס עֶר קֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען, אָבֶּער רָחֵל הָאט גֶעזָאגְט אַז זִי וִויל נִישְׁט חֲתוּנֶה הָאבְּן נָאר מִיט עֲקִיבָא דֶער פַּאסְטֶעכֶער, וַוייל זִי הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶר הָאט אַ גוּטֶע הַארְץ מִיט פֵיינֶע מִידוֹת, אוּן וֶוען זִי הָאט דָאס גֶעזָאגְט פַאר אִיהְר פָאטֶער הָאט אִיהְם דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי גֶעטוּהְן, אוּן עֶר הָאט אִיהְר גֶעזָאגְט אַז עֲקִיבָא אִיז אַ עַם הָאָרֶץ עֶר קֶען נִישְׁט קֵיין לֶערְנֶען אוּן עֶר וֶועט זִיךְ זֵייעֶר שֶׁעמֶען אוֹיבּ זִי וֶועט חֲתוּנֶה הָאבְּן מִיט אִיהְם.

אֵײן טַאג וֶוען עֲקִיבָא מִיט זֵײנֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען פַּאשֶׁען אִין פֶעלְד אִיז רָחֵל גֶעגַאנְגֶען צוּ אִיהְם אוּן זִי הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר ווִיל גֵיין לֶערְנֶען אִין אַ יְשִׁיבָה דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ עֶר זָאגְט צוּ אַז עֶר וֶועט גֵיין לֶערְנֶען וֶועט זִי חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיהְם.

עֲקִיבָא הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אַוַדְאֵי וִויל עֶר גֵיין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן זֵיי הָאבְּן טַאקֶע חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶוען כַּלְבָּא שָׂבוּעַ הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן הָאט זֵיי פַארְטְרִיבְּן פוּן זַיין שְׁטוּבּ, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעזָאגְט פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט אַז קֵיין אֵיינֶער זָאל זֵיי נִישְׁט אַרֵיינְלָאזְן אִין שְׁטוּבּ אוּן זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן צוּ עֶסְן.

עֲקִיבָא הָאט גֶעזֶעהְן אַ קְלֵיינֶע דִירָה וָואס דִי טִיהְרְן אוּן דִי פֶענְסְטֶערְס זֶענֶען צוּבְּרָאכְן, אוּן עֲקִיבָא מִיט רָחֵל זֶענֶען דָארְט אַרֵיין גֶעגַאנְגֶען אוּן זֵיי הָאבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דָארְט.

וֶוען ס'אִיז גֶעוָוארְן בֵּיינַאכְט אִיז עֲקִיבָא אַרוֹיס אִין חָצֵר אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען שְׁטְרוֹי אוּן עֶס אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי עֶרְד אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁלָאפְן אוֹיף דִי עֶרְד.

אִינְדֶערְפְרִי אִיז עֲקִיבָא אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן נָאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט מוֹדֶה אֲנִי אוּן זִיךְ גֶעוַואשְׁן דִי הֶענְט הָאט אִיהְם רָחֵל גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צֵייט אַז עֶר זָאל מְקַיֵים זַיין דָאס וָואס עֶר הָאט אִיהְר צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט גֵיין לֶערְנֶען תּוֹרָה.

עֲקִיבָא אִיז אַרוֹיס אוֹיפְן וֶועג צוּ גֵיין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר גֶעזֶעהְן ווִי אַזוֹי ס'רִינְט וַואסֶער אוֹיף אַ שְׁטֵיין אוּן ס'וֶוערְט אַ לָאךְ אִין דִי שְׁטֵיין, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, אוֹיבּ דִי וַואסֶער וָואס אִיז אַ ווֵייכֶע זַאךְ קֶען מַאכְן אַ לָאךְ אִין אַ שְׁטֵיין וָואס אִיז אַ הַארְטֶע זַאךְ, אִיז זִיכֶער אַז דִי תּוֹרָה וָואס אִיז שְׁטַארְק וֶועט קֶענֶען אַרֵיינְגֵיין אִין מִיר אוּן עֶפֶענֶען מֵיין פַארְשְׁטָאפְּטֶע הַארְץ.

עֲקִיבָא אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר אוּן נָאכְדֶעם אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה אוּן נָאכְדֶעם אִין יְשִׁיבָה גְדוֹלָה אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעוֶוען צְוֶועלֶעף יָאר, אוּן נָאךְ צְוֶועלֶעף יָאר הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן צוּרִיק אַהֵיים צוּ גֵיין, שְׁטֵייעֶנְדִיג שׁוֹין בֵּיים טִיהְר הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעהֶערְט ווִי אַ שָׁכְנְ'טֶע זָאגְט פַאר זֵיין פְרוֹי "ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ צוּגֶעלָאזְט אַז דֵיין מַאן זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן שְׁטוּבּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן דוּ בִּיסְט גֶעבְּלִיבְּן דָא אַלֵיין שׁוֹין אַזוֹיפִיל צֵייט", הָאט אִיהְר זֵיין פְרוֹי גֶעעֶנְטְפֶערְט "אוֹיבּ עֶר וָואלְט מִיר גֶעפָאלְגְט וָואלְט עֶר גֶעבְּלִיבְּן נָאךְ צְוֶועלֶעף יָאר לֶערְנֶען, וֵוייל אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז עֶר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה".

עֲקִיבָא הָאט גֶעהֶערְט פוּן אוּנְטֶערְן טִיהְר דִי גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן צוּרִיק צוּ גֵיין אוֹיף נָאךְ צְוֶועלֶעף יָאר לֶערְנֶען אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי עֲקִיבָא, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים, וֶוען סְ'הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי צְוֵוייטֶע צְוֶועלֶעף יָאר הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז סְ'אִיז גֶעקוּמֶען דִי צֵייט אַהֵיים צוּגֵיין, אוּן אִינְאֵיינֶעם מִיט פִיל פוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיס גֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג.

וֶוען זֵיין פְרוֹי הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶר קוּמְט אִיז זִי אַרוֹיס אַקֶעגְן אִיהְם, דִי תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן אִיהְר נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן אִיהְר גֶעוָואלְט אַוֶועק שִׁיקְן פוּן דָארְט, אָבֶּער רַבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט מְ'זָאל אִיהְר לָאזְן, וִויל אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אוּן אַלֶעס וָואס עֶנְק הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִיז אִין אִיהְר זְכוּת, אוֹיךְ כַּלְבָּא שָׂבוּעַ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז רַבִּי עֲקִיבָא אִיז אַזוֹי גְרוֹיס גֶעוָוארְן הָאט עֶר חַרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זֵיי אַוֶועק גֶעשִׁיקְט פוּן שְׁטוּבּ, אוּן פוּן דֶעמָאלְטְס אוּן וֵוייטֶער הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַ שְׁטוּבּ אוּן עֶסְן אוּן עֶס הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט.